וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת כי תצא, י"ב אלול תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון צ"א

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.........................7:32
מוצאי שבת.............................9:01

# א מעשה פון תפלה

## ברוך יאקאבאוויטש

איך בין געווען איינקויפן ביי א גרויסע געשעפט, טרעף איך דארט א בחור אינגאנצן פארלוירן, ער האט פארלוירן זיין תפילין דא אין געשעפט פריער אינעם טאג און יעצט איז ער צוריק געקומען זיכן די תפילין, אבער ער קען עס נישט טרעפן, זאג איך אים "**פארליר דיך נישט, לאמיר בעטן דעם אייבערשטן**" אזוי האבן מיר טאקע געטוהן, מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל קענען טרעפן גרינגערהייט די פארלוירענע תפילין.

איך בין געגאנגען צום פלאץ וואו מען לייגט אלע געטראפענע זאכן פונעם געשעפט, אבער ס'איז נישט געליגן דארט, דער ארבעטער זאגט מיר אבער, "קען זיין עס ליגט אין א אנדערע פלאץ ביים אנדערן ווינקל פונעם געשעפט", איך בין אהין געגאנגען און... יא ס'איז געליגן דארט אומבארירט. שכח אייבערשטער!

## פנחס דוד וועבערמאן

ליל ששי פרשת עקב בין איך געווען אין טאהש קאנאדא, אנשי שלומינו פונעם שטעטל זענען זיך צאמגעקומען צו הערן די שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס ווערט געגעבן יעדן ליל ששי, אבער די לייוו הוק-אפ האט עפעס נישט געארבעט, מיר האבן אלע געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ארבעטן אן קיין פראבלעמען, מיר ווילן אזוי שטארק מיטהאלטן דעם שיעור התחזקות והדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א, העלף אונז הייליגער באשעפער.

מיר האבן צוגעזאגט אויב ס'וועט ארבעטן וועט מען מפרסם זיין די מעשה פון תפלה, שכח אייבערשטער גלייך נאכדעם האט עס אנגעהויבן צו ארבעטן, און מען האט נאך געקענט מיטהאלטן א גרויס חלק פונעם שיעור.

## מאטי היימליך

איך האב פארלוירן מיין בערזל מיט געלט, אינעם בערזל האב איך אויך געהאט מיין סאשעל סעקיורעטי קארטל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען טרעפן, איך האב מיך דערמאנט אז די לעצטע מאל האב איך ארויס גענומען מיין בערזל ווען איך בין געווען איינקויפן אין וואל-מארט, איך רוף זיי אן פרעגן אויב זיי האבן אפשר געטראפן אזא בערזל, נאך אפאר מינוט רעדן צו זיי זאגן זיי מיר אז זיי האבן עס געפונען. שכח אייבערשטער!

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**חיים ישעי' דעפריס הי"ו וזוגתו חיה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

# נייעס אין שטעטל

## הערליכע מעמד הכתרה פאריבער

ס'איז נישט דא די ווערטער ארויסצוברענגען וואס מען האט מיטגעהאלטן דעם פארגאנגענעם זונטאג כי תצא ביים גרויסן מעמד הכתרה, ווי מען האט מכתיר געווען דעם דיין הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א פאר דיין אין די קהילה, מען האט געשפירט גאר א דערהויבענע שטימונג, אלע קינדער זענען געקומען אנגעטוהן מיט בגדי שבת, הערליכע דרשות זענען געהערט געווארן דורך חשובע גרויסע דיינים שליט"א, וואס האבן ארויסגעברענגט וואס זיי וויסן פונדערנאנט די גרויסקייט פונעם דיין שליט"א.

ביים מעמד האט מען אויך בארעט דעם חשובן חבר ההנהלה, הרבני הנגיד מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, וואס לייגט אריין איבערמיטליכע כוחות אינעם אויפבוי פונעם שטעטל, פון אנהויב ביז יעצט, וואס האט יעצט מנדב געווען דעם הערליכן בנין המוסדות, ווי די טייערע תינוקות של בית רבן פון שטעטל לערנען תורה א גאנצן טאג. דער גרויסער בנין המוסדות, וואו דער מעמד הכתרה איז פארגעקומען, איז גאר א גרויסע הילף פאר די מוסדות, די ברייטע קלאס צימערן און די גרויסע זאלן, געבן הרחבת הדעת פאר די מלמדים און תלמידים צו קענען לערנען תורה מיט א רואיגקייט.

אזוי אויך וועט דער חשובער נדבן התלמוד תורה מנדב זיין צו איבערמאכן דעם בנין פון אינעווייניג כדי עס זאל זיין פריש אזוי ווי ניי, אזוי אז די תינוקות של בית רבן זאלן קענען זיצן רואיג און לערנען.

ביים סוף איז געווען די הויכפונקט פונעם מעמד ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט מכתיר געווען דעם דיין שליט"א, איינער פון די חשובע חברי הנהלת הקהלה, מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו, וואס האט אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות אינעם שטעטל; האט פארגעלייענט דעם "כתב התמנות", אויפצונעמען דעם פרישן דיין שליט"א צו דינען אלס דומ"ץ קרית ברסלב ליבערטי.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט מיט גאר ווארימע דיבורים וואס דאס מיינט מכתיר זיין א דיין פאר די קהילה, אלע משפחות דארפן מחשיב זיין כבוד התורה, און אזוי מחנך זיין די קינדער ווייטער, צו מחשיב זיין תורה, און ווען מען האט א שאלה אינדערהיים פרעגט מען דעם דיין וויאזוי זיך צו פירן.

נאך די דרשות איז דער גאנצער עולם דורכגעגאנגען אנצוואונטשן ברכת מזל טוב פאר'ן דיין שליט"א, און מ'האט זיך ארויסלאזט אין פייערליכע טענץ בשמחת התורה.

מער פרטים קען מען זעהן אינעם וועכענטליכן גליון היכל הקודש

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה לִידִידִי הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ ווִילְסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אוּנְזֶער חַבּוּרָה; יֶעצְט אִיז נָאךְ אַבִּיסְל פְּרִי צוּ ווִיסְן ווִיפִיל עֶס גֵייט זַיין דֶער פְּרַייז, מֶען רֶעדְט נָאךְ נִישְׁט פוּן קַיין פְּרַייזְן וְכוּ'; אִם יִרְצֶה ה' נָאךְ פֶּסַח הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְדִינְגֶען בֶּעטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה מִיט מוֹהֲרָא"שׁ **דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ**. אִינְמִיטְן זוּמֶער שְׁנַת תשע"ה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶערוּפְן אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ פְּלַאץ אִין אוּמַאן פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ ווִיל, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הֶעלְפְן מוֹהֲרָא"שׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ "**וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן?**" זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "לֵייג מִיר אַוֶועק צְוֵויי בֶּעטְן בַּיי דִיר, פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין זוּן, **אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי דִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה**", אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "וָואס גֵייט פָאר? מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם מֶעגַאמֶעטֶער?" הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "מִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען, אִיךְ בִּין אַ מְלוּמָּד מִלְחָמָה", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: "דוּ וֵוייסְט וָואס חוּשַׁי הָאַרְכִּי הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוּאֵל ב יז, ח): '**אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת אָבִיךָ וְאֶת אֲנָשָׁיו כִּי גִבֹּרִים הֵמָּה וּמָרֵי נֶפֶשׁ הֵמָּה, כְּדֹב שַׁכּוּל בַּשָּׂדֶה, וְאָבִיךָ אִישׁ מִלְחָמָה**'; אִיךְ בִּין אַן אִישׁ מִלְחָמָה, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, **מִיר קֶען מֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען**. אִיךְ פָּאר קַיין אוּמַאן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, לֵייג מִיר אַוֶועק אַ בֶּעט פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין זוּן"; אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'וָואס וֶועט זַיין? עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִנְיָן?' לְמַעֲשֶׂה נָאךְ אַ וָואךְ הָאט מִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ גֶערוּפְן מֶעלְדְן אַז אַלֶעס אִיז מְסוּדָּר.

דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דָאס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועט נִישְׁט זַיין וְכוּ' וְכוּ', **אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן**.

**אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדְט צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר ווִיל זַיין בַּיי אוּנְז**; דֶעמָאלְט אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, מֶען אִיז גֶעלָאפְן טָאג אוּן נַאכְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ'. דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע נֶחָמָה אַז מוֹהֲרָא"שׁ ווִיל זַיין מִיט מִיר **אוּן אִיךְ גְלוֹיבּ אַז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט אוּנְז סַיי אִין אוּמַאן אוּן סַיי אַ גַאנְץ יָאר**, וַוייל דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם צַדִּיק דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער צַדִּיק.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**היסטארישן מעמד הכתרה פארן דיין שליט"א - א' כי תצא תשפ"א**





**דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: אפילו מען וועט אויסשפרייטן .... אויפן גאנצן וועג, וועל איך נאך אלץ פארן צום הייליג'ן רבין אויף ראש השנה**

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

| | |
|---|---|
| א) פאליציאנטן | ג) בעריקאדן |
| ב) נעגל | ד) וועכטער |

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז אסתר יאקאבאוויטש תחי'

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

מיין גאנצע זאך איז ראש השנה


## טאנץ מיט אמונה

א נייע וואסער פארק האט זיך געעפענט אין שטעטל פאר אלע קינדער, עקסטער פאר אינגלעך און מיידלעך, וואו מען קען טאנצן און שפרינגן אויף א כשר'ע און אויסגעהאלטענע וועג, ביים יעדן טאנץ שרייט מען אויס "שכח אייבערשטער"

צו באשטעלן רופט 845-243-1580





**האט רחמנות אויף אונזערע קינדער פארט נישט שנעל אין שטעטל**